ב"ה

# טעראָפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאָנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 20

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי נעמט מען אוועק קנאה צווישן חתונה געהאטע געשוויסטער?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*מיין טאכטער האט חתונה געהאט לעצטע יאר ברוך ה', זי איז זייער א שטילע און צוריקגעצויגענע, אבער מיין עלטערע טאכטער איז פונקט פארקערט, זי איז זייער לעבעדיג און רעדט א גאנצע צייט. און ווען עס קומט אויס אז זיי זענען ביידע ביי מיר אויף סעודות שבת, רעדט די עלטערע די גאנצע צייט און די יונגערע רעדט גארנישט, און איך זע אויף איר מאן אז עס טוט אים זייער וויי, און דאס שטערט מיר זייער שטארק.*

*איך פרוביר אז זיי זאלן נישט קומען צו די זעלבע סעודות צו מיר, אבער איך קען עס נישט אלץ אזוי אויסארבעטן, אפשר האט דער ראש ישיבה שליט"א א וועג וואס צו טון וועגן דעם?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת שלח, כ' סיון, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

געב אכטונג אז דיין שטוב זאל זיין איידל, דיין שבת טיש זאל זיין מיט יראת שמים, ווען חתונה געהאטע געשוויסטער קומט זיך צאם זאל דאס זיין איידל און באשיידן. לערן דיינע קינדער זיי זאלן זיך אויפפירן איידל, לערן זיי ווי אזוי צו רעדן אין געגנווארט פון פרעמדע מענער; עס איז נישט קיין פראבלעם פאר טעכטער צו שמועסן מיט טאטע מאמע, אבער אז עס זיצן ביים טיש פרעמדע מענער, אפילו שוואגערס - דארפן זיי וויסן ווי אזוי זיך צו פירן וכו'.

דו דארפסט אויסלערנען דיינע טעכטער צניעות; עס האט נישט צו טון אויב איינער איז א שטילער און איינער איז מער רעדעוודיג, אפילו ביידע וואלטן געווען רעדעוודיג דארף מען זיי אויסלערנען ווי אזוי צו רעדן ביים טיש ווען עס זיצן שוואגערס. מענטשן זענען זיך טועה, מען מיינט אז מען מעג זיך האלטן נאנט מיט שוואגערס און שוועגערינס, עס איז גאר הארב, עס איז דא הלכות ביי הלכות יחוד ווען מען קען מקיל זיין, ווי צום ביישפיל ווען עס איז 'בעלה בעיר', אבער ביי נאנטע משפחה, שוועגערינס, שוואגערס, - דארט קען מען נישט נוצן דעם היתר, דארט איז הארבער.

וואויל איז דעם וואס היט זיין שטוב, ער איז מחנך די קינדער, זין און טעכטער - ווי אזוי זיך צו פירן ווען די משפחה קומט זיך צאם, מען זיצט איידל, דער שבת טיש איז פול מיט יראת שמים; וועט ער זוכה זיין צו די ברכה (תהלים קכח, ג): "בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים, סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ווי אזוי קען איך זיך אפגעוואוינען פון טרינקען אלקאהאל?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*א גרויסן יישר כח פאר די שיינע בריוו, ס'איז ממש א כל בו, ס'איז מיר מחי' אין יעדן הינזיכט.*

*איך האב זיך צוגעוואוינט צום ביטערן טראפ, נאך אלס בחור האב איך געטרינקען אלקאהאל, און אצינד האב איך שוין חתונה געהאט ברוך ה', און ס'איז מיר זייער שווער זיך אפצוגעוואוינען דערפון.*

*אמאל איז עס געווען נאר שבת, אבער היינט איז עס שוין א גאנצע וואך. אסאך מאל קען איך נישט דערהייבן די דרוק, און איך כאפ א לחיים זיך צו בארואיגן.*

*איך ווייס אז איך טו נישט גוט, און איך דארף אן עצה.*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וארא, כ"ו טבת, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בין אמאל געווען ביי מוהרא"ש אין צימער, פלוצלונג קומט אריין צו לויפן א איד מיט זיין זון, ער בעט מוהרא"ש זאל רעדן צו זיין זון ער זאל מער נישט טרינקען; דער בחור האט זיך צוגעוואוינט צו טרינקען, ער האט אזויפיל גע'שיכור'ט ביז ער איז פשוט אריין אין א סכנה, ער איז אנגעקומען אין שפיטאל וכו' וכו', דער איד האט געבעטן מוהרא"ש ער זאל ראטעווען זיין זון.

מוהרא"ש האט גערעדט צו דעם בחור, ער האט אים געגעבן צו פארשטיין דאס שעדליכקייט פון טרינקען און מוהרא"ש האט אים געגעבן אן עצה, ער זאל יעדן טאג לערנען די תורה אין

ליקוטי מוהר"ן וואס רעדט פון שכרות (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן כו) און זאגן די תפילה פון רבי נתן יעדן טאג (ליקוטי תפילות חלק ב, סימן כג); וועט דער אייבערשטער אים העלפן.

די זעלבע זאך זאלסטו טון, לערן די תורה וואו דער רבי זאגט די שעדליכקייט פון טרינקען און זיי זיך מתבודד אויף דעם; וועסטו ארויסגיין פון די צרה.

ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן כו:

צָרִיךְ לְהַרְחִיק מִשִּׁכְרוּת, וּלְדַקְדֵּק שֶׁלֹּא לִשְׁתּוֹת יוֹתֵר מִיכָלְתּוֹ, כְּדֵי שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי שִׁכְרוּת, כִּי מְעַט הַשְּׁתִיָּה לְפִי הַצֹּרֶךְ הוּא טוֹבָה לְהַרְחִיב דַּעְתּוֹ, וְדַע, כִּי הַדַּעַת מְלֻבָּשׁ בַּחֲסָדִים, וּכְשֶׁשּׁוֹתֶה בְּמִדָּה כָּרָאוּי לְפִי עֶרְכּוֹ, אֲזַי נִתְרַחֵב דַּעְתּוֹ וְנִתְרוֹמֵם מֹחוֹ, וַאֲזַי נִגְדָּלִין הַחֲסָדִים בְּיוֹתֵר עַל יְדֵי הַשְּׁתִיָּה כִּי כְּשֶׁנִּתְרוֹמֵם הַדַּעַת, נִתְרוֹמְמִין וְנִגְדָּלִין הַחֲסָדִים, כִּי הַדַּעַת מְלֻבָּשׁ בַּחֲסָדִים כַּנַּ"ל (עֵרוּבִין סה): "כָּל הַמִּתְפַּתֶּה בְּיֵינוֹ, יֵשׁ בּוֹ מִדַּעַת קוֹנוֹ" 'מִתְפַּתֶּה' דַּיְקָא, בְּחִינַת חֲסָדִים, שֶׁעַל יְדֵי הַיַּיִן נִגְדָּלִין הַחֲסָדִים וְזֶהוּ מִתְפַּתֶּה, שֶׁעַל יְדֵי הַגְדָּלַת הַחֲסָדִים הוּא מִתְפַּתֶּה וּמִתְפַּיֵּס, אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא הָיָה רָאוּי לְהִתְפַּתּוֹת לְפִי חֲסָדִים סְתָם, וְהָיָה יָכוֹל לִהְיוֹת רֹגֶז, אֲבָל עַל יְדֵי הַגְדָּלַת הַחֲסָדִים עַל יְדֵי הַיַּיִן הוּא מִתְפַּתֶּה כַּנַּ"ל, אֲבָל הַשּׁוֹתֶה יוֹתֵר מִדַּאי וּמִשְׁתַּכֵּר, אֲזַי אַדְּרַבָּא, מִתְגַּבְּרִין תֹּקֶף הַגְּבוּרוֹת, וְנַעֲשֶׂה כַּעַס וָרֹגֶז, וְלִפְעָמִים מִתְגַּבְּרִין גְּבוּרוֹת דְּסִטְרָא אָחֳרָא, וְיוּכַל לָבוֹא לִידֵי רָעוֹת וְכוּ', חַס וְשָׁלוֹם: וְדַע, שֶׁעַל יְדֵי שִׁכְרוּת שׁוֹכְחִין כָּל הַמִּצְוֹת וְהָאַזְהָרוֹת שֶׁצִּוָּה מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, כִּי מֹשֶׁה הוּא מְלֻבָּשׁ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר, וּמַזְכִּיר כָּל אֵיבָר וְאֵיבָר, שֶׁיַּעֲשֶׂה הַמִּצְוָה הַשַּׁיָּכָה לְאוֹתוֹ אֵיבָר כִּי רְמַ"ח מִצְוֹת כְּנֶגֶד רְמַ"ח אֵיבָרִים, מְחֹקֵק (דְּבָרִים ל"ג), שֶׁהוּא גִּימַטְרִיָּא רְמַ"ח, שֶׁמַּזְכִּיר רְמַ"ח מִצְוֹת כַּנַּ"ל וְעַל יְדֵי הַשִּׁכְרוּת שׁוֹכֵחַ אוֹתָם, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי לא): "פֶּן יִשְׁתֶּה וְיִשְׁכַּח מְחֻקָּק", שֶׁעַל יְדֵי הַשְּׁתִיָּה וְהַשִּׁכְרוּת שׁוֹכֵחַ רְמַ"ח מִצְוֹת שֶׁל מֹשֶׁה כַּנַּ"ל וְהִתְלַבְּשׁוּת מֹשֶׁה בָּאֵיבָרִים זֶהוּ בְּעַצְמוֹ בְּחִינַת הִתְלַבְּשׁוּת הַדַּעַת בַּחֲסָדִים כַּנַּ"ל כִּי מֹשֶׁה הוּא הַדַּעַת, וְהָאֵיבָרִים הֵם רְמַ"ח, בְּחִינַת אַבְרָהָם אִישׁ הַחֶסֶד, שֶׁהוּא גִּימַטְרִיָּא רְמַ"ח אֵיבָרִים.

ליקוטי תפילות חלק ב, סימן כג:

"מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה, הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו, נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בָּךְ, נַזְכִּירָה דֹדֶיךָ, מִיַּיִן מֵישָׁרִים אֲהֵבוּךָ", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַב חֶסֶד וּמַרְבֶּה לְהֵיטִיב, רַחֵם עָלַי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, וְזַכֵּנִי לְהִתְקָרֵב אֵלֶיךָ בֶּאֱמֶת בְּכָל עֵת, וְלַעֲבֹד אוֹתְךָ תָּמִיד בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל וְתִשְׁמֹר אוֹתִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, וְתַצִּילֵנִי בְּכָל עֵת מֵרִבּוּי שְׁתִיַּת הַיַּיִן וּשְׁאָר מַשְׁקִים הַמְשַׁכְּרִים, שֶׁלֹּא אֶשְׁתֶּה לְעוֹלָם יוֹתֵר מֵהַמִּדָּה וְלֹא אָבֹא לִידֵי שִׁכְרוּת לְעוֹלָם כִּי אַתָּה גִּלִּיתָ לָנוּ עֹצֶם רָעַת הַשִּׁכְרוּת הַמַּטְרִיד וּמַעֲבִיר אֶת הָאָדָם מִשְּׁנֵי עוֹלָמוֹת חַס וְשָׁלוֹם, כִּי עַל יְדֵי שִׁכְרוּת שׁוֹכְחִין אֶת כָּל הָאַזְהָרוֹת שֶׁל מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁהוּא מְלֻבָּשׁ אֶצְלֵנוּ בְּכָל אֵבֶר וָאֵבֶר אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, וּמַזְכִּיר וּמַזְהִיר אֶת כָּל אֵבֶר וָאֵבֶר לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל הַמִּצְוָה הַשַּׁיָּכָה לְכָל אֵבֶר וָאֵבֶר, שֶׁהֵם רְמַ"ח אֵיבָרִים כְּנֶגֶד רְמַ"ח מִצְוֹת עֲשֵׂה וְעַל יְדֵי הַשִּׁכְרוּת חַס וְשָׁלוֹם שׁוֹכְחִין כָּל אֵלּוּ הָאַזְהָרוֹת, וְכָל הַדְּרָכִים נַעֲשִׂים לְפָנָיו כְּמִישׁוֹר רַחֲמָנָא לִצְּלָן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "כִּי יִתֵּן בַּכּוֹס עֵינוֹ יִתְהַלֵּךְ בְּמֵישָׁרִים" וְנֶאֱמַר: "לְמִי אוֹי לְמִי אֲבוֹי, לְמִי חַכְלִילוּת עֵינַיִם לַמְאַחֲרִים עַל הַיַּיִן, לַבָּאִים לַחְקֹר מִמְסָךְ אַחֲרִיתוֹ כְּנָחָשׁ יִשָּׁךְ וּכְצִפְעֹנִי יַפְרִשׁ עֵינֶיךָ יִרְאוּ זָרוֹת וְלִבְּךָ יְדַבֵּר תַּהְפֻּכוֹת וְהָיִיתָ כְּשֹׁכֵב בְּלֶב יָם וּכְשֹׁכֵב בְּרֹאשׁ חִבֵּל".

מָלֵא רַחֲמִים, אַתָּה יָדַעְתָּ כַּמָּה נְפָשׁוֹת נִשְׁקְעוּ בִּיוֵן מְצוּלָה עַל יְדֵי הַשִּׁכְרוּת רַחֲמָנָא לִצְּלָן, וְנִטְרְדוּ מִשְּׁנֵי עוֹלָמוֹת עַל יְדֵי זֶה הַצִּילֵנִי מָלֵא רַחֲמִים, שָׁמְרֵנִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, שֶׁלֹּא אָבֹא לְעוֹלָם לִידֵי שִׁכְרוּת כְּלָל, וַאֲפִלּוּ בְּשַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים וּבִשְׁאָר זְמַנִּים קְדוֹשִׁים, אֲשֶׁר רְצוֹנְךָ שֶׁנְּשַׂמַּח אֶת נַפְשֵׁנוּ עַל יְדֵי שְׁתִיַּת יַיִן מְעַט, זַכֵּנוּ בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, שֶׁנִּזְכֶּה לְכַוֵּן אֶת הַמִּדָּה שֶׁלֹּא נִשְׁתֶּה כִּי אִם מְעַט הַמֻּכְרָח כְּפִי רְצוֹנְךָ, כְּדֵי לְרוֹמֵם דַּעְתֵּנוּ וּלְהַרְחִיב שִׂכְלֵנוּ וְלִבֵּנוּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְיַיִן יְשַׂמַּח לְבַב אֱנוֹשׁ" בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה עַל יְדֵי מְעַט הַשְּׁתִיָּה לְהַרְחִיב וּלְהַגְדִּיל הַחֲסָדִים שֶׁדַּעְתֵּנוּ מְלֻבָּשׁ בָּהֶם, שֶׁנִּזְכֶּה עַל יְדֵי מְעַט הַשְּׁתִיָּה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב בֶּאֱמֶת, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה לְהִתְדַּבֵּק בְּךָ בֶּאֱמֶת עַל יְדֵי זֶה, וְלִזְכֹּר עַל יְדֵי זֶה יוֹתֵר וְיוֹתֵר אֶת כָּל הָאַזְהָרוֹת בְּכָל אֵבֶר וָאֵבֶר שֶׁמַּזְהִיר אוֹתָנוּ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, וְנִתְעוֹרֵר בְּיוֹתֵר לְקַיֵּם אֶת כָּל הַמִּצְוֹת הַשַּׁיָּכִים לְכָל אֵבֶר וָאֵבֶר וְתִפְתַּח לִבִּי בְּתוֹרָתֶךָ וְאַחֲרֵי מִצְוֹתֶיךָ תִּרְדֹּף נַפְשִׁי וְאֶזְכֶּה לְהִתְקָרֵב אֵלֶיךָ יוֹתֵר וְיוֹתֵר עַל יְדֵי הַשְּׁתִיָּה בִּדְבֵקוּת נִפְלָא וַאֲמִתִּי כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב, וְאֶהְיֶה מִתְפַּתֶּה בְּיֵינִי בִּקְדֻשָּׁה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב בֶּאֱמֶת, וְיִהְיֶה נִמְשָׁךְ עָלַי הַרְחָבַת הַדַּעַת וְהַחֲסָדִים מִדַּעַת קוֹנִי, וְאֶזְכֶּה לְכַבֵּד אֶת יְהֹוָה בֶּאֱמֶת מֵהוֹנִי וּמִגְּרוֹנִי.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַתָּה יָדַעְתָּ כִּי אַף לְפִי גֹּדֶל הַגְּנוּת שֶׁל הַשִּׁכְרוּת בְּלִי שִׁעוּר, אַף עַל פִּי כֵן הֶהֱכְרַח לִפְעָמִים לִשְׁתּוֹת מְעַט בִּשְׁבִיל הַרְחָבַת הַדַּעַת כַּאֲשֶׁר הוֹדִיעוּנוּ חֲכָמֶיךָ הָאֲמִתִּיִּים גֹּדֶל גְּנוּת הַשִּׁכְרוּת דְּסִטְרָא אַחֲרָא, וְגֹדֶל מַעֲלַת הַשְּׁתִיָּה בִּקְדֻשָּׁה לִשְׁמֶךָ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָכָה מְשַׂמְּחוֹ, לֹא זָכָה מְשַׁמְּמוֹ זָכָה נַעֲשֶׂה רֹאשׁ לֹא זָכָה נַעֲשֶׂה רָשׁ וְגַם אָנוּ מְחֻיָּבִים לְקַדֵּשׁ וּלְהַבְדִּיל עַל הַיַּיִן בְּשַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים וּלְבָרֵךְ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן עַל הַכּוֹס שֶׁל יַיִן, כִּי אֵין אוֹמְרִים שִׁיר אֶלָּא עַל הַיַּיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "הַמְשַׂמֵּחַ אֱלֹהִים וַאֲנָשִׁים".

עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, וְזַכֵּנִי אוֹתִי וְאֶת כָּל חֲבֵרֵינוּ, וְאֶת כָּל עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, שֶׁנִּזְכֶּה כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ לֵידַע בְּכָל עֵת לְכַוֵּן הַמִּדָּה, בְּאֹפֶן שֶׁנִּתְרַחֵק מֵהַשִּׁכְרוּת לְגַמְרֵי וּבָעֵת שֶׁיִּהְיֶה רְצוֹנְךָ לְשַׂמְּחֵנוּ מִיֵּינְךָ הַטּוֹב, תְּזַכֵּנוּ וְתִשְׁמֹר אוֹתָנוּ שֶׁלֹּא נִשְׁתֶּה יוֹתֵר מִדַּאי רַק מְעַט הַמֻּכְרָח, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה לְשַׂמֵּחַ נַפְשֵׁנוּ וּלְהַרְחִיב דַּעְתֵּנוּ וּלְהַגְדִּיל הַחֲסָדִים וְלֹא נָבֹא עַל יְדֵי זֶה לִידֵי רֹגֶז וְדִינִים וּגְבוּרוֹת חַס וְשָׁלוֹם כְּלָל רַק אַדְּרַבָּא נִזְכֶּה עַל יְדֵי מְעַט הַשְּׁתִיָּה לְהִתְפַּתּוֹת בַּחֲסָדִים דִּקְדֻשָּׁה יוֹתֵר וְיוֹתֵר בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב בֶּאֱמֶת כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה לְהִתְדַּבֵּק בְּךָ בֶּאֱמֶת וְלָגִיל וְלָשִׁיר וְלִשְׂמֹחַ בְּשִׁמְךָ בְּגִילָה וְרִנֵּן, וּלְדַבֵּר דִּבְרֵי תוֹרָה בְּהַרְחָבַת הַלֵּב וּבְשִׂמְחָה מַה שֶּׁצְּרִיכִין לְדַבֵּר וּלְגַלּוֹת, וְתָשִׂים מַחְסוֹם לְפִינוּ לְבִלְתִּי לִהְיוֹת "הוֹלֵךְ רָכִיל מְגַלֶּה סּוֹד" לְבִלְתִּי לְגַלּוֹת אָז חַס וְשָׁלוֹם מַה שֶּׁאֵין צְרִיכִין לְגַלּוֹת וְתִפְתַּח אֶת פִּינוּ בְּשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב, וִיקֻיַּם בָּנוּ מִקְרָא שֶׁכָּתוּב: "וְחִכֵּךְ כְּיֵין הַטּוֹב, הוֹלֵךְ לְדוֹדִי לְמֵישָׁרִים, דּוֹבֵב שִׂפְתֵי יְשֵׁנִים" עָזְרֵנִי לִהְיוֹת כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב בְּכָל הַתְּנוּעוֹת, בַּאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וּשְׁאָר הֶכְרֵחִיּוֹת, הַכֹּל אֶזְכֶּה לַעֲשׂוֹת עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב בֶּאֱמֶת כְּפִי רְצוֹנְךָ הַטּוֹב בֶּאֱמֶת בְּאוֹתוֹ הָעֵת וְהַזְּמַן, וְלֹא אָסוּר מֵרְצוֹנְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**וואס טו איך אז מיין ווייב וויל נאר היילן נאטורליך?**

**ווי אזוי ווייסט מען אויב מ'האט יוצא געווען אדער נישט?**

קוקטס ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל, שרייבט צו:
trpy458@gmail.com
-
קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066